**גוט שבת אלע אידן.** אונזער מעשה די וואך הייב זיך מיט א יונגערמאן וואס הייסט יצחק, נישט זיין עכטע נאמען. יצחק איז אמאל געפארן אויף א געוויסע גאס אין שטאט ווען ער איז אנגעקומען צו א טראפיק לייט. דער לייט האט געוויזן גרין, און יצחק איז אריינגעפארן אין דעם אינטערסעקשאן. אין מיטן זיין אריבערפארן דעם אינטערסעקשאן, האט דער לייט זיך געטוישט צו געל. נאר נאכדעם וואס יצחק איז שוין אריבערגעפארן דעם גאס, איז דאס לייט געווארן רויט. בקיצור, איז א פאליצאנט געזיצען און געווארט אויפן צווייטן זייט פונעם גאס און ער האט אפגעשטעלט יצחק. דער אפיצער האט גארנישט געוואלט צוהערן צו יצחק'ס טענות. ער האט גענומען יצחק'ס ליסענס און ער איז געגאנגען צו זיין קאר. אפאר מינוט שפעטער איז דער פאליצאנט צוריקגעקומען מיט א טיקעט אין זיין האנט. ער האט עס איבערגעגעבן צו יצחק און ער איז אוועקגעגאנגען.

יצחק איז געווארן אויפגערעגט. ער איז זיכער געווען אז דאס לייט איז געווען גרין און נישט רויט! אבער וואס האט ער געקענט טון יעצט? ער האט נישט געהאט קיין געלט צו נעמען א גוטען לאיער וואס נעמט קייער פון טיקעטס, וועגן דעם האט ער אליינס אריינגעשיקט דעם טיקעט "נאט גילטי", ד"ה אז ער איז נישט שולדיג. ווען יצחק האט גערופן דעם "די.עמ.ווי" אפיס צו מאכן דעם אפוינטמענט פאר דעם משפט, האט ער דווקא גבעטן דעם ערשטען אפוינטמענט וואס איז דא, ד"ה האלב נאך אכט אינדערפרי, כדי ער זאל קענען אנקומען צום ארבעט באצייטענס.

א שטיק צייט שפעטער איז די טאג פון דעם גרויסען משפט אנגעקומען. יצחק האט געדאוונט מיט דעם ערשטען מנין און דערנאך איז ער אריבערגעפארן צום קארט פאר זיין משפט. ער איז אנגעקומען זייער פרי און ער איז געווען פון די "עשרה ראשונים" להבדיל, אריינצוגיין צום בנין, און ער איז געווען פון די ערשטע איינצושרייבן אויך. ער האט געוואלט שנעל ערלעדיגען דעם ענין כדי ער זאל קענען שנעל גיין צום ארבעט.

האלב נאך אכט אזייגער איז דער דזשאדזש אריינגעקומען. ער איז געווען אן עלטערער מענטש, א שווארצע. יצחק האט זיך אראפגעזעצט אין דעם ערשטע שורה פון בענקלעך כדי דער דזשאדזש זאל אים זען און נעמען ערשט. יצחק האט אויך געזען דעם אפיצער, וואס איז געקומען צום משפט.

דער דזשאדזש האט אויסגערופן די ערשטע נאמען, און יצחק איז איבערראשט געווארן אז ער איז נישט געווען די ערשטע. ער איז דאך געווען די ערשטע זיך איינצושרייבן! יצחק איז געווארן מער און מער אויפגערעגט צו הערן ווי דער דזשאדזש האט אויסגערופן אלע אנדערע מענטשן. דער דזשאדזש איז אויך געווען זייער שטרענג, ער האט מחייב געווען כמעט יעדען איינעם.

עס איז געווען צוואנציג צו צען אזייגער אינדערפרי, און יצחק איז געווען דער איינציגסטער מענטש וואס איז איבערגעבליבן. מען האט אויסגערופן זיין נאמען און יצחק איז צוגעגאנגען און געשטאנען קעגן דעם דזשאדזש לעבן דעם פאליצאנט. דער אפיצער האט געזאגט זיין זייט, און דאן האט יצחק געזאגט אז דאס לייט איז יא געווען גרין, וכו'... דאן האט דער דזשאדזש געוויזן צום פאליצאנט, און דער פאליצאנט איז ארויסגעגאנגען. עס האט אויסגעקוקט אזוי ווי דער דזשאדזש האט פריער אפגעמאכט עפעס מיט דעם אפיצער. דער דזשאדזש האט פארמאכט דעם מיקראפאן און דער טייפ מאשין וואס האט אראפגענומען אלעס וואס מען האט געזאגט בי די אלע משפטים.

יצחק איז געבליבן אליינס מיט דעם דזשאדזש. דאן האט דער דזשאדזש זיך איינגעבויגען צו יצחק'ן און געזאגט: "איך בין גרייט צו מלמד זכות זיין אויף דיך, ווייל עס קומט צו א מענטש אזוי ווי דיר צו טון א טובה!"

יצחק האט נישט פארשטאנען וואס גייט פאר. "דו דערקענסט מיך נישט?" האט דער דזשאדזש געפרעגט יצחק. יצחק האט געשאקעלט זיין קאפ צו ווייזן אז ער געדענקט אים טאקע נישט. דאן האט דער דזשאדזש ארויסגענומען א סאבוויי–באס טוקען (א מטבע וואס מען נוצט פאר די סאבוויי און באסעס אין שטאט), און ער האט עס איבערגעגעבן צו יצחק, זאגענדיק צו יצחק, "איך ווארט שוין פיר יאר צוריקצוגעבן דעם טוקען צו דיר!"

דאן האט יצחק זיך דערמאנט וועגן דעם מעשה פון פיר יאר פריער... עס איז געווען בערך עלף אזייגער איין ווינטער נאכט, און יצחק מיט זיין בני בית זענען געווען אהיימפארענדיג אין שטאט ווען עס האט אנגעהויבן צו שנייען. פלוצלינג האבן זיי באמערקט אן עלטערער מענטש א שווארצע אויפן זייט פונעם גאס שטיפענדיק א קאר. יצחק האט אפגעשטעלט זיין קאר און ער איז ארויסגעגאנגען און ער האט געהאלפן דעם גוי שטיפען דעם קאר אריין אין א פארקינג פלאץ וואו עס וועט קענען בלייבן פאר די נאכט.

דאן האט יצחק געפרעגט דעם גוי וואו ער האט געוואלט גיין. דער גוי האט געזאגט אז ער איז געווען אויפן וועג אהיים ווען זיין קאר איז צובראכן געווארן. די בעסטע עצה פאר אים איז דעמאלט געווען, צו אהיימפארן מיט דעם באס. די נענסטע באס סטאפ איז געווען אפאר בלאקס אוועק. יצחק האט אריינגענומען דעם גוי אין זיין קאר און ער האט געגעבן א היטש צו דעם באס סטאפ.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו דעם באס סטאפ האבן זיי געזען טאקע דעם באס וואס דער גוי האט געדארפט נעמען. יצחק איז ארומגעפארן דעם באס כדי עס צו כאפן. דאן האט דער גוי געזאגט אז ער האט נישט דעם פונקליכע טשענזשגעלט וואס ער דארף פאר דעם באס. יצחק האט גלייך ארויסגענומען א באס טוקען און ער האט עס איבערגעגעבן צום גוי. (הגם אז עס איז דא די איסור פון 'לא תחנם,' ד"ה סתם אזוי טאר מען נישט געבן קיין מתנות פאר א גוי, אבער במקום קידוש השם, עס זענען פוסקים וואס האלטן אז מען מעג.)

מיט ערשטוינונג אויף זיין פנים, האט דער שווארצע גענומען דעם טוקען פון יצחק בשעת דאס קאלטע ווינד האט געבלאזן און די שניי איז אראפגעקומען. דער גוי האט שטארק באדאנקט יצחק, עס איז געווען טאקע א גרויסע קידוש השם. דערנאך איז דער גוי שנעל ארויפגעגאנגען אויפ'ן באס.

צוריק אין דעם קארט... "איך האב געווארט פאר די טאג ווען איך גיי טרעפן נאכאמאל מיין אידישען חבר מיט דעם קאפעל..." האט דער דזשאדזש געזאגט צו יצחק, "און היינט איז דער טאג סוף כל סוף אנגעקומען. איך גיי קיינמאל נישט פארגעסן דעם חסד וואס דו האסט מיך געטון דעמאלט! קעיס דעסמיסעד!"

די הייליגע תורה זאגט די וואך אז ווען די אידן זענען מקיים די הייליגע תורה, דעמאלט גייען די גוים באדינען אונז, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "...ורב יעבד צעיר" ד"ה יצחק'ס עלטער זון עשו – וואס סימבאלאזירט די גוים – וועט באדינען זיין יונגערער זון יעקב וואס איז דאס אידישע פאלק ישראל. די נקודה איז אויך מרומז אין דעם פסוק "הקל קול יעקב, והידים ידי עשו" ד"ה ווען דער קול פון די אידן איז געהערט ווען מיר דאווענען און לערנען די הייליגע תורה, דעמאלט האבן די הענט פון די גוים נישט קיין שליטה איבער אונז. (מדרש איכה פתיחתא סימן ב סימן א) דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן אז דורך מקיים זיין די הייליגע תורה וועלן מיר שוין זוכה זיין אז די גוים זאלן נישט האבן קיין שליטה איבער אונז. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יהושע כהן שליט"א ומוה"ר אהרן לעפקאוויטש שליט"א לרגל שמחת נשואי בתו שתחי' עם בנו הבה"ח אליעזר זוסיא נ"י
מזל טוב למוה"ר יצחק ברייער הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו שמואל שלמה זלמן הי"ו • מזל טוב למוה"ר יהודה לייב קויפמאן הי"ו לרגל שמחת נשואי בתו
נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוב בער בן רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362–3234 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**